ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת שמות

אידיש

**513**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק שלשה-עשר

## שמות

פירונגען פון רבינו הראי״ש ז״ל

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

דער הייליגער גאון וצדיק ר״ר הלל קאלאמייער זצ״ל האָט עדות געזאָגט אַז דער ״שבט מוסר״ האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט
## פון דרייצענטער פרק


**א.** נאָך זאַכן צו אונטערטעניגן דעם יצר הרע........................ג
**ב.** 23 פירונגען פון רבינו הרא"ש ז"ל......................................ד
**ג.** נאָך 132 פירונגען פון דעם רא"ש ז"ל ................................ו

# פרק שלשה-עשר

## נאָך זאַכן צו אונטערטעניגן דעם יצר הרע

**א. יוצר האדם,** דער באַשעפער האָט צום אַלעם ערשטן באַשאַפן די תשובה און האָט געוויזן זיסע וועגן צו דעם וואָס האָט געזינדיגט און ער וויל תשובה טאָן, אַז ער זאָל זיך פירן אין די וועגן, ער זאָל אָפּקערן פון שטרויכלונג פון טויט און זאָל אייביג לעבן אין גן עדן. וועגן דעם, חוץ וואָס איך האָב געשריבן אין די אויבערשטע פרקים, וועל איך נאָך שרייבען ווי אַזוי דער מענטש זאָל זיך נוהג זיין כדי זיין פאַרשטאָפּט האַרץ זאָל אונטערטעניג ווערן, און זאָל זיין איינגעוואָרצלט אין דער ליבשאַפט פון באַשעפער און זיך נישט אָפּקערן צו טאָן עבירות.

**רוב,** די מערסטע צייט פונעם זינדיגן, זאָל ער פאַרברענגען צווישן אָרעמעלייט און אין שולן און בתי מדרשים, ווייל דורך דעם וועט ער ווערן אונטערטעניג און וועט נישט זינדיגן, ווייל די שולן און בתי מדרשים ווערן אָנגערופן קליינער בית המקדש און זענען מסוגל צו יראה, ווייל די שכינה רוהט דאָרט, איז די פאָרכט פון דער שכינה אויף אים. דעריבער האָבן אונזערע חכמים ז״ל געזאָגט "**אם פגע בך מנוול זה**" אויב דער יצר הרע האָט דיך באַגעגנט "**משכהו לבית המדרש**" צי אים אַריין אין בית המדרש, דאָרט איז אויף אים די פאָרכט פון דער שכינה און דורך דעם וועט ער נישט זינדיגן. בפרט אַז ער דענקט אַז דער וואָס זינדיגט אין מלך׳ס היכל איז זיין עונש פיל שווערער. דעריבער האָבן די חכמים ז״ל מזהיר געווען אַז אַ מענטש זאָל נישט אַוועקגיין פון בית המדרש, און בפרט די חידושי-תורה וואָס ער הערט דאָרט, דאָס מאַכט הייליג זיין גוף און ער שאַפט זיך קדושה אַוועקצושטויסן זיין יצר הרע. אויך דערמיט וואָס ער וועט זיצן צווישן די אָרעמעלייט און ער זעט זייער צער ווערט אונטערטעניג זיין האַרץ

צוליב פאָרכט אַז די עבירות זאָלן אים נישט גורם זיין ער זאָל אויך ווערן אַזוי אָרים ווי זיי, וועט ער אויך קיין עבירות נישט טאָן.

## 23 פירונגען פון רבינו הרא״ש ז״ל

**ב. ואלה,** די זאַכן זאָל דער מענטש טאָן, כדי ער זאָל לעבן אויף עולם הזה און עולם הבא. דאָס האָט דער רבינו אשר ז״ל מסדר געווען. דער מענטש זאָל זיך אין זיי באַהעפטן, כדי צוצוקומען צו דביקות אין השם יתברך. ער זאָל דאָס פיל מאָל טאָן ביז ער ווערט געוואוינט ווערן אין זיי און וועט זיי שוין קיינמאָל נישט מבטל זיין, און דאָס זענען דריי און צוואָנציג זאַכן.

א. ער זאָל אָפּשיידן מעשר פון אַלץ וואָס השם יתברך וועט אים באַשערן.

ב. ער זאָל געבן צדקה לויט זיין פאַרמעגן, און צום סוף פון עטלעכע יאָר זאָל ער אַחוץ דעם געבן איין גילדן מיט אַ האַלבן.

ג. ער זאָל דאַוונען יעדן אָוונט און פרימאָרגן.

ד. ער זאָל לייגן תפילין יעדן טאָג.

ה. ער זאָל האָבן אַ מזוזה ביי אַלע טירן פון זיין הויז.

ו. ער זאָל קובע זיין צייטן צו לערנען תורה.

ז. ער זאָל זיין ערליך אין זיין משא-ומתן און מיט זיין דיבור.

ח. ער זאָל ערלעך האַלטן די לומדים מיט זיין פאַרמעגן.

ט. ער זאָל שטראָפן זיין חבר אויב ער זעט אים טוהן אַן עבירה, ווייל אַז ער וועט אים נישט שטראָפן וועט ער האָבן אַן עבירה.

י. ער זאָל זיין חבר דן זיין לכף זכות.

יא. יעדע נאַכט איידער ער לייגט זיך שלאָפן זאָל ער מוחל זיין צו דעם וואָס האָט געזינדיגט קעגן אים מיט רייד.

יב. ער זאָל זיך פּלייסן שלום צו מאַכן צווישן איין מענטש מיט דעם אַנדערן, און צווישן מאַן און ווייב.

יג. ער זאָל וואָרענען זיין הויז-געזינד, צו דאַווענען און וואַשן זיך און אַ ברכה מאַכן איבער עסן און טרינקען.

יד. דאָס לערנען וואָס ער האָט זיך קובע געווען יעדן טאָג און האָט אַמאָל נישט געלערנט, זאָל ער עס פרייטאָג אָפּצאָלן.

טו. ער זאָל לערנען יעדע וואָך די סדרה צוויי מאָל דעם חומש און איין מאָל תרגום, און זאָל לערנען רש״י.

טז. ער זאָל לערנען אין דער וואָך פון ראש השנה די ״אגרת התשובה״ וואָס דער רבינו יונה האָט מחבר געווען.

יז. ער זאָל ערליך האַלטן דעם שבת לויט זיין פאַרמעגן.

יח. ער זאָל עסן שבת ״שלש סעודות״ נאָך מנחה.

יט. ער זאָל יעדן מוצאי שבת אָנריכטן אַ סעודה אויף מלוה מלכה, כאָטש ער קען ווייניג עסן.

כ. ער זאָל העלפן זיין חבר אין אַלעמען וואָס ער וועט באַדאַרפן, סיי מיט זיין גוף סיי מיט רייד.

כא. ער זאָל פאַר זיין שלאָף זאָגן ווידוי אשמנו, אויסער די נעכט וואָס מען זאָגט קיין תחנון נישט, און ער זאָל קלאָגן אויף זיינע עבירות און אויף דעם חורבן בית המקדש.

כב. ער זאָל זיך קובע זיין איין טאָג אין חודש צו פאַסטן. דער טאָג זאָל זיין ווען מען לייענט אין דער תורה, און אויב ער קען נישט פאַסטן זאָל ער געבן צוויי שילינגער צדקה.

כג. ער זאָל די מעשים טובים מקיים זיין בצניעות. דאָס איז די דינסט פון השם יתברך וואָס איז אים אָנגענומען.

## נאָך 132 פירונגען פון דעם רא״ש ז״ל

**ג. אורח,** נאָך זענען דאָ אַנדערע הנהגות וואָס זענען דער וועג פון לעבן.

א. מען זאָל זיך דערווייטערן פון גאוה ווי ווייט מעגליך עס איז.

ב. אויך פון חנפ׳ענען.

ג. אויך פון פאַלשקייט און ליגן.

ד. אויך פון ליצנות.

ה. אויך פון רכילות.

ו. און פון כעס.

ז. ער זאָל זיין געוואָרנט פון נדרים.

ח. ער זאָל זיין געוואָרנט פון נאַרן מענטשן.

ט. ער זאָל נישט געבן זיין חבר קיין שלעכטן צונאָמען. און זאָל אים אויך נישט רופן מיט אַ צונאָמען, וואָס אַנדערע האָבן אים געגעבן.

י. ער זאָל נישט רעדן לשון הרע.

יא. ער זאָל נישט זיצן מיט ליידיג-גייערס און נישט אין דער פאַרזאַמלונג פון עמי הארצים.

יב. ער זאָל נישט קוקן אויף פרעמדע ווייבער.

יג. ער זאָל נישט אויסרעדן אינמיטן קידוש.

יד. ער זאָל נישט רעדן פון ברוך שאמר ביז נאָך שמונה עשרה, און נישט בשעת דער חזן זאָגט די הויכע שמונה עשרה, נאָר שלום צו געבן און ענטפערן שלום.

טו. ער זאָל נישט רעדן אינמיטן הלל און בשעת מען לייענט אין דער תורה.

טז. ער זאָל נאָר עסן אידיש ברויט.

יז. ער זאָל נישט עסן אויף אַ סעודה וואָס איז נישט קיין מצוה.

יח. ער זאָל נישט רעדן דברים בטלים און זאָל זיין געוואָרנט צו לערנען ביינאַכט ביז ער וועט אַנטשלאָפן ווערן פון דברי תורה און נישט פון דברים בטלים.

יט. ער זאָל אָננעמען שבת פרי, און זאָל אָנזאָגן זיין הויז-געזינד זיי זאָלן היטן שבת, און ער זאָל אום ערב שבת דאַווענען מנחה פרי, כדי ער זאָל אָננעמען שבת פרי.

כ. אַז עס קומט די צייט פון דאַווענען שחרית אָדער מנחה ומעריב, זאָל ער אַוועקלאָזן אַלע זיינע עסקים און דאַווענען, און דאָס ערשטע פון אַלע גדרים איז, ער זאָל היטן זיינע אויגן פון קוקן אויף אַזעלכע זאַכן וואָס איז נישט זיינס.

כא. ער זאָל נישט רעדן צווישן דער ברכה על נטילת ידים ביז ער מאַכט "המוציא", און זאָל געבן שלום צו יעדן מענטש.

כב. ער זאָל בענטשן נאָכן עסן. אַז מענטשן שעלטן אים זאָל ער נישט ענטפערן. ער זאָל זיין פון די מענטשן וואָס ווערן פאַרשעמט און ענטפערן נישט.

כג. ער זאָל נישט געאיילט זיין צו קריגן זיך, און זאָל זיך דערווייטערן פון שווערן און נישט טאָן קיין נדרים, ווייל דורך דער זינד פון נדרים שטאַרבן קינדער ח״ו.

כד. ער זאָל זיך דערווייטערן פון שפּעטן און כעס, ווייל דאָס איז מבלבל דעם דעת פון מענטש, אויך זאָל ער דינען דעם באַשעפער נאָר מיט ליבשאַפט.

כה. ער זאָל ליב האָבן השם יתברך מיטן גאַנצן הארץ, נפש און געלט, און בשעת ער זאָגט ואהבת את ה׳ אלהיך וכו׳ זאָל ער טראַכטן ווי ער גיט איבער זיין לייב און געלט צו השם יתברך. דאָס הייסט: ער וועט זיך בעסער לאָזן הרג׳ענען אָדער אַוועקגעבן דאָס געלט און אין אים נישט לייקענען ח״ו.

כו. דו זאָלסט האָבן בטחון אין השם יתברך מיט גאָר דיין האַרץ, און זאָלסט גלייבן אַז ער גיט אַכטונג אויף יעדן באַזונדער, זיינע אויגן שוועבן איבער דער גאַנצער וועלט און קוקט אויף אלע וועגן פונעם מענטש און ער ווייסט וואָס דער מענטש טראַכט. דער וואָס גלייבט עס נישט, לייקענט אין דעם וואָס השם יתברך האָט געזאָגט **״אנכי ה׳ אלהיך״** איך בין דיין גאָט וואָס איך האָב דיך אַרויסגעצויגן פון מצרים, וואָס דאָס איז דער יסוד פון דער גאַנצער תורה.

כז. זיך דערווייטערן פון כעס און גאוה, און שריי אָן דעם יצר הרע. זאָלסט נישט גיין אין זיינע וועגן וואָס זיי זענען ווי נעצן צו פאַנגען מענטשן.

כח. זאָלסט זיך דערווייטערן פון זאָגן ליגן און זאָלסט נישט דערמאנען גאָט׳ס נאָמען אומזיסט, אָדער אויף אַן אומריין אָרט.

כט. האָב נישט קיין בטחון אין אַ מענטש און זאָלסט גיין בצניעות מיט דיין גאָט. אויך זאָלסטו נישט האָבן קיין בטחון אין דיין געלט, און גיב אויס געלט אויף אַזאַ זאַך וואָס איז דעם באַשעפער'ס ווילען, און ער קען דיר ממלא זיין דיין חסרון.

ל. **דע**, ווייס דעם גאָט פון דיינע עלטערן און דין אים, און דיינע רייד וועג מיט די ריכטיגע וואָגשאָלן, און דיין יאָ אָדער ניין זאָל זיין אמת. עס זאָל ביי דיר זיין גרינגער צו אויסצוגעבן דיין געלט, איידער אַרויסברענגען דיינע רייד. זאָלסט נישט איילן צו רעדן אַ שלעכטע זאַך ביז דו ווערסט עס איבערקלערן מיטן שכל, צו דו זאָלסט עס רעדן.

לא. **ווידוי**, יעדן אינדערפרי און אויף דער נאַכט זאָלסטו זיך מתוודה זיין אויף דיינע זינד, און דו זאָלסט אויך דערמאָנען דעם חורבן פון ציון און ירושלים.

לב. **זכור**, געדענק שטענדיק אין דעם טויט און גרייט דיר אָן שפייז אויף דעם וועג. שטעל דיר פאָר די צוויי וועגן וואו מען פירט דיך נאָכן טויט, אין גיהנם, אָדער גן-עדן. זאָלסט זיך דערמאָנען ווי דער תנא רבי יוחנן בן זכאי האָט זיך געשראָקן פאַר זיין טויט און האָט געזאָגט: איך ווייס נישט אין וועלכן וועג פון די צוויי מען וועט מיך פירן.

לג. **חבר טוב**, זיי אַ גוטער חבר צו די וואָס פאָרכטן זיך פאַר גאָט און באַהעפט זיך מיט זייער חברותא, און דערווייטער זיך פון די שלעכטע מענטשן.

לד. **טוב וישר**, עס איז גוט אַז דיינע מעשים טובים זאָלן אין דיינע אויגן זיין ווייניג, און דיינע עבירות זאָלן אין דיינע

אויגן זיין פיל. אויך זאָלסטו נישט טאָן מצוות אויף דעם תנאי צו קריגן שכר פאַר זיי.

לה. **יום ולילה**, טאָג און נאַכט זאָלסטו געדענקען דעם באַשעפער. ווען דו לייגסט זיך זאָלסטו טראַכטן אין זיין ליבשאַפט און ביים אויפשטיין און אין דיין וועג זאָלסטו זיך דערמיט פרייען, און ער וועט מאַכן רעכטפאַרטיג דיינע וועגן.

לו. **כוון בתפלתך**, זיי מכוון אין דיין תפילה, ווייל דאָס איז דעם אויבערשטניס דינסט פון דיין האַרץ. ווען דיין זוהן זאָל צו דיר עפּעס רעדן נישט פון האַרץ, וואָלט דאָך דיר אוודאי פאַרדראָסן, ווי אַזוי קענסטו בעטן גאָט אַז ער זאָל דיר פאַרגעבן אויף דעם וואָס דו בעטסט אָן כוונה. אויב עס איז דיר נישט מעגליך דו זאָלסט מכוון זיין אין אַלע תפילות, זיי כאָטש מכוון אין דער ערשטער ברכה פון שמונה עשרה און אין דעם ערשטן פסוק פון קריאת שמע, ווייל אויב דער מענטש איז אין דעם נישט מכוון איז ער נישט יוצא דעם חיוב פון קריאת שמע און תפילה.

לז. דו זאָלסט לערנען יעדע וואָך די סדרה צוויי מאָל מקרא און איין מאָל תרגום, און דעם פירוש פון רש"י, און זיי דערין מדקדק ווי ווייט דו קענסט. אויך זאָלסטו לערנען גמרא, ווייל לערנען באַשטייט קעגן אלע מצוות.

לח. **מכל מאכל**, אויף אלע עסן וואָס דו וועסט עסן און אַלע משקאות וואָס דו וועסט טרינקען, זאָלסטו מאַכן אַ ברכה צום אָנהייב און צום סוף, און זיי דערין גוט מכוון. ווען דו וועסט דערמאנען דעם שם, דעק צו דיין קאָפּ און פאַרמאַך דיינע אויגן. זאָלסט נישט זיין ווי דער וואָס אויף אים איז געזאָגט געוואָרן: מיט זיין מויל און זיינע

ליפן האָבן זיי מיך ערליך געהאַלטן און זייער האַרץ איז ווייט פון מיר.

לט. **נטילת ידים**, וואַש די הענט צום דאַוונען און צום עסן, און אַז דו קומסט פון דיין צורך, זאָלסטו מאַכן אַ ברכה אשר יצר און נישט על נטילת ידים.

מ. **גדילים**, ציצית זאָלסטו דיר מאַכן אויף די עקן פון דיין קלייד, כדי דו זאָלסט זיך דערמאנען אין אַלע מצות פון דעם אויבערשטן. און זיי צנוע אין בית הכסא און מיט דיין ווייב, ווייל אַפילו אויף די רייד וואָס זענען צווישן מאַן און ווייב, גיט מען אויך אָפּ אַ חשבון. זיי זיך נישט נוהג מיט קלות ראש און גאָטיס פאָרכט זאָל זיין אויף דיר. היט זיך פון קוקן אויף אַן אשה, כאָטש זי איז אַ פנויה, און אין די טירן פון דיין שטוב זאָל נישט פעלן קיין מזוזה.

מא. **סוד אחר**, זאָלסט נישט אַנטפלעקן קיין סוד וואָס אַ מענטש האָט דיר פאַרטרויט, און די זאַכן וואָס דו האָסט געהערט נישט אַלס אַ סוד באַהאַלט דאָס אויך אין דיין האַרץ, און אַז דו וועסט דאָס הערן פון אַן אַנדערן זאָלסטו נישט זאָגן איך האָב עס שוין געהערט. אויך פאַר דיין ווייב היט דיין מויל, איר קיין סוד נישט מגלה זיין.

מב. **בערב ובקר**, אין דער פרי און אויף דער נאַכט היט די צייט פון תפילה און זיי פון די ערשטע צען אידן אין שוהל, און זאָלסט נישט רעדן דברים בטלים אין שוהל, און זאָלסט יעדן טאָג אָנטאָן תפילין.

מג. **פלס**, וועג איבער די טריט פון דיינע פיס. זאָלסט זיך פירן מיטל-מעסיג מיטן עסן און טרינקען, און אין אַלע דיינע

ווען, נישט צופיל עסן און טרינקען און נישט צו ווייניג, און יאָג נאָך שלום.

מד. **קבע עתים**, זיי דיר קובע צייטן צו לערנען פאַר דעם עסן און פאַר דיין שלאָף און אינמיטן עסן. זיי מזהיר דיין הויז-געזינד, זיי מדריך צו זיין על פי תורה און צו היטן פון פאַרדאַרבן זייער מויל.

מה. **שמח**, אויב דו הערסט שטראָף-רייד, פריי זיך, גלייך ווי דו געווינסט פיל געלט, און שטראָף צו אַ חכם וועט ער דיך ליב האָבן, ווייל עס איז בעסער אַן אַנטפלעקטע שטראָף איידער אַ פאַרבאָרגענע ליבשאַפט, און צו די וואָס זאָגן מוסר וועט זיין זיס אויף עולם-הבא.

מו. **תחלת מעשיך**, אין דעם אָנהייב פון דיינע מעשים קוק וואָס דער סוף וועט זיין, און רעכן דעם שאָדן וואָס דו האָסט דורך דער מצוה קעגן דעם שכר וואָס דו וועסט האָבן פאַר איר אויף עולם הבא, און דעם שכר וואָס דו האָסט פון דער עבירה קעגן דעם עונש וואָס דו וועסט האָבן פאַר איר אין עולם הבא, ווייל דער חכם, ווען ער טוט אַ זאַך, קוקט ער ביים אָנהייב וואָס דער סוף דערפון קען זיין.

מז. **הזהר**, זיי געוואָרנט דו זאָלסט זיך אויף דיר אַליין נישט סומך זיין, און הער צו אַן עצה פון דיין חבר. פאַרנעם שטראָף-רייד, און טו וואָס דו ביסט מחויב צו טוהן.

מח. **אל תקום**, זאָלסט נישט אויפשטיין פון דיין בעט ווי אַ פוילער, נאָר מיט זריזות צו דינען דיין באַשעפער.

מט. **אל תאחר**, דו זאָלסט זיך נישט פאַרשפּעטיגן צו גיין דאַווענען און היט דיינע פיס זיי זאָלן נישט זיין איינגעשמירט, זאָל נישט טראַכטן דיין הארץ ווען

אַנדערע זאַכן בשעת דעם דאַווענען, און זיי מכוין צו לויבן דעם באַשעפער.

נ. **אל תדבר**, דו זאָלסט נישט רעדן אין דער צייט ווען דער חזן דאַוונט, און דו זאָלסט ענטפערן אמן.

נא. **אל תנשה**, זאָלסט נישט פאַרגעסן פון טויט און זאָלסט געדענקען אַז דו וועסט דאַרפן שטיין צום דין.

נב. **אַל תתעסק**, דו זאָלסט נישט עוסק זיין במצוה כדי צו באַקומען שכר דערפאַר, און זאָלסט זיך נישט דערווייטערן פון אַן עבירה צוליב מורא וועגן, נאָר דאָס אַלץ זאָל זיין פאַרן אויבערשטנ'ס וועגן.

נג. **אַל תתרשל במצוה**, אויב עס קומט אַ מצוה צו דיר אין האַנט, זאָלסטו זיך נישט פוילן עס צו טוהן תיכף פאַרן אויבערשטנ'ס וועגן.

נד. **אַל תתרשל בברכת הלבנה**, דו זאָלסט זיך נישט פוילן מחדש צו זיין די לבנה.

נה. **ואַל תעשה דבר**, דו זאָלסט נישט טוהן קיין זאַך וואָס מענטשן זאָלן דערפון שפעטן, ווייל זייער סדר איז צו פאַרהוילן דאָס גוטס און צו אַנטפלעקן דאָס שלעכטס.

נו. **ואַל תקלה**, דו זאָלסט נישט פאַרשעמען דיין פאָטער און מוטער, און דו זאָלסט זיי נישט מצער זיין, און האַלט זיי ערליך אַלע זייערע טעג לויט דיין מעגליכקייט.

נז. **אַל יהיו**, דיין פנים זאָל ניט זיין צאָרנדיג קעגן אורחים, און נעם זיי אויף מיט אַ פריילעך פנים.

נח. **אַל תשכח**, דו זאָלסט נישט פאַרגעסן צו געבן אָרעמע לייט צידה לדרך און זיי צו באַגלייטן, און טרייסט זיי מיט רייד.

נט. **אַל תשים**, דו זאָלסט נישט קוקן אויף דעם וואָס איז מער עושר פון דיר, נאָר קוק אויף אַזעלכן וואָס איז אָרימער פון דיר.

ס. **אַל תבהל**, דו זאָלסט נישט איילן צו צערענען, און האַלט איין דיין צאָרן, ווען נישט וועסטו פאַרלירן דיין חכמה.

סא. **אם תוציא**, אַז דו וועסט רעדן שלעכטע רייד און ניבול פה, זאָלסטו וויסן אַז אויף דעם אַלעם וועט דיך דער אויבערשטער ברענגען צום משפט.

סב. **אַל תחזק**, דו זאָלסט נישט האַלטן אין דיר אַפילו איין טאָג אַ כעס וואָס דו האָסט אויף דיין חבר, און דו זאָלסט זיך פאַר אים מכניע זיין צו בעטן אים פריער מחילה.

סג. **אַל תדבר**, דו זאָלסט נישט רעדן מיט גאווה, און דו זאָלסט מקבל זיין אויף זיך יראת שמים.

סד. **אַל תשיב**, צו די וואָס פאַרשעמען דיך זאָלסטו נישט ענטפערן, טאָמער וועט זיך דערהיצן דיין האַרץ און דו וועסט קומען צו כעס.

סה. **אַל תתעבר**, דו זאָלסט זיך נישט מישן אין אַ קריג וואָס האָט נישט צו דיר, דו וועסט זיך אָננעמען פאַר איינעם און צום סוף וועלן זיי צווישן זיך שלום מאַכן און דו וועסט בלייבן בייז.

סו. **אַל תתגאה**, דו זאָלסט זיך נישט גרויס האַלטן איבער מענטשן, און דו זאָלסט זיין אַ שפל-רוח, אַזוי ווי ערד וואָס יעדער איינער טרעט אויף איר.

סז. **אַל תהי בז**, דו זאָלסט נישט פאַרשעמען קיין שום מענטש און קיין שום זאַך, ווייל עס איז נישט פאַראַן אַ מענטש וואָס זאָל נישט האָבן איין שעה וואָס ער קען טוהן עפעס,

און עס איז נישט פאַראַן קיין זאַך וואָס האָט נישט קיין אָרט וואָס דאָרט נוצט עס.

סח. **צדק**, דו זאָלסט זוכן גערעכטיגקייט און דו זאָלסט נישט ווייניגער געבן יעדעס יאָר פון אַ האַלבן שקל מיטאַמאָל, און יעדן חודש און יעדע וואָך זאָלסטו געבן לויט דיין פאַרמעגן, און יעדן טאָג זאָלסטו געבן צדקה פאַרן דאַוונען, כאָטש גאָר ווייניג, און אויב דו קענסט געבן מעשר זאָלסטו געבן, וועט דיר השם יתברך פאַרמערן דיין פרנסה. דו זאָלסט שפייזן אָרימע לייט ווי ווייט דו פאַרמאָגסט, און זיי גומל חסד סיי צו לעבעדיגע, סיי צו טויטע, סיי צו רייכע, און סיי צו אָרימע.

סט. **רצה**, פריי דיך מיט דעם וואָס גאָט האָט דיר באַשערט, פיל אָדער ווייניג, און בעט שטענדיג אַז דער אויבערשטער זאָל נייגן דיין האַרץ צו זיין תורה. אין אַלע דיינע וועגן פאַרלאָז זיך אויפן אויבערשטן, ער זאָל דיך פירן. זאָלסט מיט שמחה אויסגעבן לכבוד שבת און לכבוד יום טוב וויפיל מען באַדאַרף, און פלייס דיך צו האַלטן ערליך שבת און יום טוב און זיי פרי אָנצונעמען דעם שבת, און צו האָבן פארגעניגן אין זיי מיט עסן און טרינקען. אַ האַלבן טאָג פון שבת אָדער יום טוב זאָלסטו דאַוונען און לערנען אין בית המדרש, און דו זאָלסט מאַכן אַ סעודת מלוה מלכה מוצאי שבת.

ע. **אַל תישן**, דו זאָלסט נישט פיל שלאָפן. געוואוין זיך אויפצוכאַפן ווען די זון הייבט אָן אויפצוגיין, ווען דו הערסט קרייען דעם האָן.

עא. **אַל תתפלל**, דו זאָלסט נישט דאַוונען אָן ריינע הענט און אַ ריינעם גוף, ווייל דיין תפלה וועט נישט צוגעהערט ווערן.

עב. **אַל תתפלל**, דו זאָלסט מתפלל זיין נאָר מיט כוונה פון האַרץ און פאַמעלעך, כדי דער אויער זאָל הערן וואָס דו רעדסט.

עג. **אַל תשכח**, דו זאָלסט נישט פאַרגעסן דעם באַשעפער וואָס האָט דיך באַשאַפן, און אין אַלע דיינע וועגן געדענק אים.

עד. **אַל תרבה**, דו זאָלסט זיך נישט צופיל פרייען, געדענק אַז דיין סוף איז ווערים.

עה. **אַל תאמר**, אויב עס טרעפט זיך דיר צו טוהן אַ מצוה, זאָלסטו נישט זאָגן איך וועל זי מאָרגן טוהן, ווייל טאָמער וועסטו נישט צייט האָבן עס צו טוהן, אָדער דו וועסט שטאַרבן.

עו. **אַל תפרד**, דו זאָלסט זיך נישט פאַרמיידן פון טראַכטן חכמה און מוסר, און זאָלסט נאָכגיין די חכמים, דאַן וועסטו קלוג ווערן.

עז. **אַל תניח**, דו זאָלסט נישט אָפּלאָזן דעם וועג פון חסידות, כאָטש מענטשן וועלן שפעטן פון דיר, און דו זאָלסט זיך נישט שעמען צו טוהן אַ מצוה.

עח. **אַל תקפוץ**, דו זאָלסט נישט פאַרמאַכן דיין האַנט פון געבן שטענדיק צדקה צו אָרעמעלייט, און פון דיין אָרעמען קרוב זאָלסטו זיך נישט פאַרהוילן.

עט. **אַל תאחר**, דו זאָלסט אליין צוגרייטן פאַר אָרעמע לייט אַ טיש מיט ברויט, ווייל טאָמער זענען זיי הונגעריג.

פ. **אַל תאחר**, דו זאָלסט נישט פאַרזוימען צו ברענגען דיין צדקה און מעשר אין דער ״מתן בסתר״ פושקע, ווייל דאָס וואָס אַ מענטש גיט ווען קיינער ווייסט נישט באַדעקט עס דעם צאָרן פון עונש.

פא. **אַל תרים**, דו זאָלסט נישט אויפהייבן דיין האַנט אויף דיין חבר, כאָטש ער שעלט דיין פאָטער און מוטער פאר דיר אין די אויגן.

פב. **אַל תביט**, דו זאָלסט נישט קוקן אויף אַזעלכן וואָס איז קלענער פון דיר אין אויבערשטנ׳ס דינסט, נאָר קוק אויף אַ גרעסערן פון דיר.

פג. **אַל תוציא**, דו זאָלסט נישט רעדן לשון הרע אויף קיין שום מענטש.

פד. **אַל תהי נבהל**, דו זאָלסט נישט זיין איילענדיג צו ענטפערן מיט העזה צו אַ מענטש וואָס האָט געזאָגט נישט קיין גוטע רייד.

פה. **אַל תשמיע**, דו זאָלסט נישט שרייען אויף דער גאַס ווי אַ בהמה, נאָר דיינע רייד זאָלן זיין געלאַסן.

פו. **אַל תלבין**, דו זאָלסט נישט פאַרשעמען דיין חבר פאַר אַ סאַך מענטשן, ווייל דער וואָס טוט אַזוי האָט נישט קיין חלק לעולם הבא.

פז. **אַל תראה**, אויב דו ביסט אַ תקיף זאָלסטו נישט ווייזן דיין מעגליכקייט צו קיין שום מענטש, ווייל דו קענסט שלאַף ווערן און קיין תקיף מער נישט זיין.

פח. **אַל תרדוף**, דו זאָלסט נישט זוכן כבוד, און דו זאָלסט נישט ארויפגיין אויף אַזאַ מעלה וואָס דו ביסט נישט ראוי דערצו.

פט. **אַל תשתדל**, דו זאָלסט נישט טראַכטן אַז מענטשן זאָלן דיך ערליך האַלטן, טאָמער וועלן זיי נישט וועלן און וועלן דיך משפיל זיין.

צ. **אַל תרף**, דו זאָלסט נישט מיד ווערן צו זוכן זיך פריינט און ליבהאָבער, און עס זאָל אין דיינע אויגן נישט ווייניג זיין אַפילו איין שונא.

צא. **אַל תגנה**, דו זאָלסט נישט שענדן דעם מקח פון דיין חבר און דו זאָלסט נישט שוואַך מאַכן זיין דיעה, דאָס טוט נאָר אַזעלכער וואָס האָט קיין שכל נישט.

צב. **אַל תאמר**, אויב עס גייט דיר גוט, זאָלסטו נישט זאָגן דורך מיין צדקות איז דאָס, ווייל טאָמער וועסטו אָפנעמען דיין שכר פאַר דיינע מעשים טובים אויף עולם הזה.

צג. **אַל תטה**, דו זאָלסט נישט אָפנייגן דיין חבר פון גוטן וועג צום שלעכטן וועג.

צד. **אַל תאכל**, דו זאָלסט נישט עסן צופיל, ווייל פיל קרענק קומען פון צופיל עסן.

צה. **אַל תהי**, דו זאָלסט נישט זיין קיין וויין זויפער און פלייש פרעסער, און דו זאָלסט נישט פאַרגעסן דיין באַשעפער.

צו. **אַל תטיל**, דו זאָלסט נישט וואַרפן אַן איבעריגע מורא אויף דיין הויז-געזינד, ווייל פיל שלעכטע זאַכן קומען דורך דעם וואָס אַ מענטשניס הויזגעזינד האָבן פאַר אים צופיל מורא.

צז. **אַל תתייחד**, דו זאָלסט נישט זיין מיט אַ פרוי אַליין אין אַ באַזונדער צימער, און אַפילו מיט צוויי ווייבער טאָר מען

זיך אויך נישט מתייחד זיין, אויסער מיט דיין מוטער און דיין טאָכטער.

צח. **אַל תחמוד**, דו זאָלסט נישט גלוסטן קיין פרוי מיט איר שיינקייט, נאָר דו מעגסט לויבן אירע גוטע מעשים.

צט. **אַל תתן**, דו זאָלסט זיך זעלבסט נישט רימען, און לאָז דיין גוף נישט טייער זיין ביי דיר, און דו זאָלסט זיך קליין האַלטן.

ק. **אַל תבהל**, דו זאָלסט נישט איילן דיינע מעשים.

קא. **אַל תרבה**, דו זאָלסט נישט פיל רעדן, אַפילו אַזעלכע זאַכן וואָס קענען דיר נישט טאָן קיין שאָדן, נאָר מיט אַ קורץ לשון.

קב. **אַל תרף**, דו זאָלסט זיך קויפן אַ געטרייען חבר, און היט אים אַז דו זאָלסט אים נישט פאַרלירן.

קג. **אַל תפתה**, דו זאָלסט נישט איבעררעדן דיין חבר מיט שמייכלעריי, מיט פאַלשע רייד, און מיט חניפות, און דו זאָלסט נישט רעדן מיטן מויל אַ זאַך וואס דו מיינסט נישט מיטן האַרץ.

קד. **אַל תתחבר**, דו זאָלסט זיך נישט באַהעפטן צו אַ שלעכטן מענטש וואָס ער איז אַ זינדיגער, אַ כעסן אָדער אַ נאַר, טאָמער וועט דורך דעם קומען אויף דיר אַ שאַנד.

קה. **אַל תכעיס**, דו זאָלסט נישט דערצערענען קיין מענטש ווייל עס איז נישט פאַראַן קיין מענטש וואס ער זאָל נישט האָבן אַ צייט ער זאָל קענען אָפּטוהן שלעכטס צו דעם וואָס טוט אים.

קו. **אַל תעלה**, עס זאָל נישט אַרויפגיין אין דיין דעה מנצח צו זיין אַ חכם, ווייל דערמיט וועסטו פאַר דיר נישט מערן קיין חכמה.

קז. **אַל תהי קפדן**, דו זאָלסט נישט מקפיד זיין קעגן קיין שום מענטש אויף אַ דבר מועט, טאָמער וועסטו פאַר דיר מערן שונאים אומזיסט.

קח. **אַל תעשה**, אַ זאַך וואָס דו שעמסט זיך עס צו טאָן ווען יעדער זאָל זען, זאָלסטו דאָס אויך נישט טאָן אין אַזאַ אָרט וואָס קיינער זעט נישט, און דו זאָלסט נישט זאָגן ווער וועט מיך זען.

קט. **אַל תחשוב**, אויב איינער האָט געזינדיגט קעגן דיר און קומט זיך פאַרענטפערן פאַר דיר מיט אמת אָדער מיט פאַלשקייט, זאָלסטו פאַר אים נישט רעכענען קיין זינד.

קי. **אַל תכעיס**, דו זאָלסט נישט דערצערענען קיין שום גוי, ווייל עס איז נישטאָ אַ מענטש וואָס האָט נישט זיין צייט, און זייער צאָרן ווערט געהיטן אויף אייביג.

קיא. **אַל תסמוך**, דו זאָלסט זיך נישט פאַרלאָזן אַז מענטשן זאָלן דיר געבן צדקה, נאָר דו זאָלסט אַרבעטן צו פאַרדינען דיין שפייז.

קיב. **אַל תהי**, דיין געלט זאָל דיר נישט ליבער זיין פון דיין גוף. דו זאָלסט נישט איינשטעלן דיין לעבן צו גיין אַליין אין וועג דאָרט וואו עס טרעפן זיך רוצחים.

קיג. **אַל תתן**, דו זאָלסט נישט געבן קיין קנאה אין דיין האַרץ, ווייל דאָס איז אַ שלעכטע קרענק וואָס דערצו איז נישטאָ קיין רפואה.

קיד. **אַל תהי**, דו זאָלסט נישט געוואוינט זיין צו שווערן, און נישט קיין נדרים צו טאָן, ווייל דורך דעם קומט פיל שלעכטס.

קטו. **אַל תרגיל**, דו זאָלסט זיך נישט צוגעוואוינען צו שווערן ביי דיין גוף אָדער ביי דיין נשמה, אפילו אויף אמת.

קטז. **אַל תאחר**, זאָלסט זיך נישט פאַרזוימען צו טאָן תשובה און צו זוכן אַ רפואה צו דיין נשמה.

קיז. **אַל תעמול**, דו זאָלסט זיך נישט באַמיען אין אַזאַ זאַך וואָס דיר קומט גאָר נישט אַרויס דערפון, און דו זאָלסט נישט הערן קיין דברים בטלים.

קיח. **אַל תכנה**, דו זאָלסט נישט געבן קיין צונאָמען צו דיין חבר, ווייל דער וואָס גיט אַ צונאָמען, דער האָט נישט קיין חלק אין עולם הבא.

קיט. **אַל תבטח**, דו זאָלסט נישט האָבן בטחון אויף דיין עשירות, ווייל דער וואָס האָט אַ בטחון אויף זיין עשירות קלויבט זיך שונאים און ווערט געשטרויכלט דורך זיי.

קכ. **אַל תהי**, דו זאָלסט נישט זיין א שטרויכלונג צו דיינע שטאָט לייט און זיי מבטל דיין ווילן פאַר דעם ווילן פון אַנדערע.

קכא. **אַל תרגיל**, דו זאָלסט זיך נישט צוגעוואוינען צו עסן אין אַ פרעמדע הויז מיט פיל מענטשן, אויב עס נישט קיין סעודת מצוה.

קכב. **אַל תשכר**, דו זאָלסט זיך נישט אָנשיכורן, ווייל דו וועסט ווערן פאַר׳מיאוס׳ט דורך דעם, און דו וועסט רעדן ניבול פה און דערנאָך וועסטו חרטה האָבן.

קכג. **אַל תכעוס**, דו זאָלסט נישט צערנען אויף דיין ווייב, און אויב דו האָסט זי דערווייטערט מיט דער לינקער האַנט, זאָלסטו זי מקרב זיין מיט דער רעכטער האַנט, כלומר אויב דו האָסט זי אַביסל דערווייטערט, זיי זי תיכף מקרב.

קכד. **אַל תבזה**, דו זאָלסט נישט פאַרשעמען דיין ווייב, און האַלט זי ערליך, און דאַן וועסט זי אָפּטאָן פון זינד.

קכה. **אַל תהי**, דו זאָלסט נישט זיצן מיט די שפּעטערס, ווייל זיי וועלן דיך מאַכן זינדיגן.

קכו. **אַל תתעצל**, דו זאָלסט זיך נישט פוילן צו זוכן חכמה, און צו שטראָפן דיין חבר ווען קיינער וועט נישט הערן, און מיט כבוד.

קכז. **אַל תדבר**, דו זאָלסט נישט רעדן אַ זאַך וואָס די צייט איז נאָך נישט גורם צו רעדן דערפון, און אויך היט דיין מויל פון צו רעדן אַזאַ זאַך וואָס דו האָסט דערפון קיין נוצן נישט.

קכח. **אַל תדבר**, דו זאָלסט נישט רעדן מיט אַ נאַר און אַ משוגע'נעם, כדי ער זאָל נישט נעמען דיינע רייד און זיי מבזה זיין.

קכט. **אַל תהי**, דו זאָלסט נישט זיין קיין כפוי טובה צו דעם וואָס האָט דיר געוויזן אַ וועג ווי אַזוי צו זוכן דיין פרנסה.

קל. **אַל תוציא**, דו זאָלסט נישט אַרויסציען פון דיין מויל קיין פאַלשע זאַך און קיין ליגן, און דו זאָלסט זיין געטרייי צו יעדן מענטשן.

קלא. **שלא תתעצל**, דו זאָלסט זיך נישט פוילן שלום צו געבן יעדן מענטש.

קלב. **אַל תרגיל**, זאָלסט זיך צוגעוואוינען צו שטיין נאָר ביי אַ חכם, און הער און פאַרנעם זיינע רייד.

**הא**, דאָ האָסטו דריי און צוואָנציג הנהגות פון ראַ״ש ז״ל, און הונדערט און צוויי און דרייסיג אַנדערע הנהגות, וואָס אַז דער מענטש וועט זיך געוואוינען אין זיי איז ער פאַרזיכערט אַז קיין זינד וועט אויף אים נישט קומען, און דער וואָס וויל תשובה טאָן העלפט מען אים פון הימל.

**עוד**, איך וועל שרייבן נאָך זעקס און צוואָנציג הנהגות, וואָס איך האָב מחבר געווען אין מיין יוגענט. איך וועל נאָר שרייבן קורץ, ווייל מיין כוונה איז נאָר אויף דעם מוסר. און וויבאַלד זיי קומען אויף אַן אַנדערן אופן, וועל איך זיי שטעלן אין אַ באַזונדערן פרק.

❀ ❀ ❀

בעזרת השם יתברך

# על הטוב יזכר

## מוהר"ר מרדכי ישראל קליינמאן

לטובת נשמת אביו

**ר' יוסף צבי בן ישראל ז"ל,**

נפטר כ"ח מרחשון תשמ"ה 84' למספרם

**אמו מרת בילא לאה בת ר' ישראל ז"ל,**

נפטרה כ"ט טבת תש"ד, 944' למספרם

**חמיו ר' נחום בן יוסף זעליג ז"ל,**

נפטר ז' תמוז תש"מ 980' למספרם

**חמותו מרת הצניא דבורה בת ר' שלום הירש ע"ה,**

נפטרה כ"ה טבת תשל"ד 74' למספרם